# מײַן שטעטעלע טיטשין

מוזיק פון יהושע װײַסער

װערטער פון אליעזר שינדלער






# טיטשין

מײַן בן־עיר, צבי ברוך
װיכמער, אין פרײַנטשאַפט

צװישן סודות־פולע װעלדער,
צװישן פעלדער זאַפטיק־גרין,
װײַט אַװעק פון באַנען, שליאַכן,
ליגט דאָס שטעטעלע טיטשין.

כ׳האָב מײַן קינדערלעבן דאָרטן,
שטיל און אומעטיק פאַרבראַכט;
צװישן חסידים, יידן־לומדים
איבער ספרים טיף פאַרטראַכט.